# כ׳געהער שוין נישט מער

דער טומל פון שטאָט געהערט מער נישט צו מיר,
ס׳געהערט מער נישט צו מיר אויך די שוועל פון מיין שכן.
אויף שטום-לשון מורמלט אַ טיר צו אַ טיר:
ווער האָט עס די טריט זיינע אונטערגעבראָכן?

עס איז נישט די שיינקייט פון הימל און זון
און אויך נישט דער טאָג, וואָס איז הארבסטיק און ווינטיק.
נאָר עפּעס אַ גלאָק קלינגט און קלאַנגט מיט באַפעל,
מיט געשריי אויף מיין קאָפּ: ביסט זינדיק, ביסט זינדיק.

פאַרוואָס בין איך זינדיק? איך ווייס נישט פאַרוואָס,
דאָס אומגליק, ווי ווילד-גראָז, וואַקסט מיט מיט מיין לעבן.
ביינאַכט קומען אייגענע טויטע צוגיין
טרויער צו מאָנען און איך האָב נישט צו געבן.



זיי שטעלן זיך צוקאָפּנס, פאַרעקשנט און שטאַר,
קוקן און שטומען, ווי ס׳איז זייער מנהג,
אויף מיר אַ צעלייגטן אין ווייכקייט פון בעט
וואָס ווער, נישט פון נויט, נאָר פון זאַטקייט פאַרטיליקט.

און וואָס געשעט ווייטער? ס׳געשעט שוין נישט מער,
כ׳שטיי-אויף אינדערפרי מיט זון-ליכט באַטראָפנט,
און זוך צו פאַרגעסן אין טעם פון מיין ברויט
די וועלט, וואָס קומט מיר ביינאַכט צוקאָפּנס.

נאָר אַ גלאָק קלינגט אָן אויפהער: זיי ווייסן, ביסט אויס,
זיי ווייסן נאָך מער — ביסט אונטערגעבראָכן,
דער טומל פון שטאָט געהערט מער נישט צו דיר,
ווי ס׳געהערט נישט צו דיר די שוועל פון דיין שכן.